# דער קאראנט נייעס

ו ו י ל י א מ ס ב ו ר ג - ק ל י נ ט א ן ה י ל - ב ע ד פ א ר ד ס ט י י ו ו ע ס ע נ ט

הערבסט 2007 צווייטע יארגאנג, נומער 1


# א געזונט הארץ

מענטשן אין יעדן עלטער, אין יעדן סעזאן, דארפן זיך קימערן און היטן אויף א געזונט הארץ. די געזונט פון א מענטש'ס הארץ איז שטארק געוואנדן אין גענעטישע אייגענשאפטן, אבער עס זענען אלץ דא נישט־גענעט־ישע סיבות וועלכע ביישטייערן צו א געזונט הארץ אדער פארקערט חלילה.

אין די איצטיגע אויסגאבע וועלן מיר פארשטעלן אינפ־ארמאציע און פאקטן וועגן די הארץ, און מאסנאמען וועלכע קענען העלפן צו א לאנג און געזונט לעבן אי"ה.

## הארץ אטאקעס

<$>די אפטסטע ריזיקע צו די הארץ איז, א הארץ אטאקע. דאס פאסירט ווען די בלוט פלוס צו א טייל פון די הארץ ווערט אפגעשטעלט (געווענליך פון אנגעזאמעלטע בלוט שטיקלעך אין די ווענט פון די הויפט בלוט אדערן צו די הארץ), וואס ערמעגליכט נישט אז די הארץ זאל באקומען גענוג אקסידזשען. דאס איז גורם אז א טייל פון די הארץ מוסקעלן שטארבן אפ, און עס פאסירט א הארץ אטאקע.

הארץ אטאקע איז די הויפט טויט אורזאך פאר מענער און פרויען אין די פאראייניגטע שטאטן. בערך העלפט פון די טויט פעלער פאסירן אין די ערשטע שעה פון ווען די סימ־פטאמען האבן זיך אנגעהויבן, און בעפאר דער מענטש גרייכט צום שפיטאל.

## ווער איז אין א סכנה?

הארץ אטאקעס באטרעפט מענער און פרויען. אבער געוויסע מענטשן זענען מער אויסגעשטעלט ווי אנדערע צו ליידן א הארץ אטאקע, צוליב זייערע "ריזיקע פאקטארן." די העכערע ריזיקעס קומען פון די געוואוינהייטן און געזונטהייט אומשטענדן וועלכע העכערן די שאנסן קראנק צו ווערן. געוויסע ריזיקע פאקטארן קען מען נישט קאנטראלירן, אבער אנדערע קען מען יא פארבעסערן צו פארקלע־נערן אייער ריזיקע פון האבן די ערשטע אדער א נאכפאלגנדע הארץ אטאקע.

עס זענען דא פאקטארן וואס קענען העכערן אייער ריזיקע צו ליידן א הארץ אטאקע

## וואס איר קענט נישט קאנטראלירן:

- פריערדיגע קאראנערי (פארבינדן מיט די הארץ אדערן) הארץ קרענק, אריינגערעכנט אויב איר האט שוין געליטן א הארץ אטאקע, א פריערדיגע אנדזשיאפלעסטי (באוויסט אלס באלון), בייפעס אפעראציע, אדער ענדזש־ינא (אטאקעס פון געפ־ערליכע ברוסט קאסטן טשעסט ווייטאג, וואס קומט פון ווייניג אקסידזשען צו די הארץ מוסקעלן).
- ווען מען ווערט עלטער: ביי מענער גייט די ריזיקע ארויף ביי די 45 יאר, און ביי פרויען נאכן ווערן 55 יאר.
- א היסטאריע אין די פאמיליע פון פריערדיגע הארץ קרענק א טאטע אדער ברידער ליידן אדער האבן געליטן אויפן הארץ.

## וואס איר קענט יא קאנטראלירן:

- רייכערן
- הויך בלוט דרוק
- הויכע בלוט קאלעסטעראל
- איבערוואג אדער דיקקייט
- ווייניג פיזישע אקטיווויטעטן
- דייעביטיס

עס איז וויכטיג צו פארשטיי־ין אז יעדע ריזיקע פאקטאר איז פיל פאכיג ערגער ווען עס איז אינאיינעם מיט אנדערע ריזיקע פאקטארן. דעריבער איז זייער וויכטיג צו פארמיידן און קאנטראלירן די פאקטארן וועלכע איז אין אייער הענט צו פארבעסערן. אויב האט איר איינע אדער מערערע פון די פאקטארן, רעדט מיט אייער דאקטאר אויסצוגעפונען ווי אזוי צו רעדוצירן אייער ריזיקע פון האבן אן ערשטע אדער נאכפ־אלגנדע הארץ אטאקע.

## ווי אזוי ווייסט מען אז מ'האט א הארץ אטאקע?

פיל מאל איז נישט גרינג צו וויסן צי מ'האט א הארץ אטאקע. הארץ אטאקעס הייבן זיך אן לאנגזאם, ווי מילדע ווייטאגן אדער אומבאקוועמליכקייטן. אויב איר שפירט אזעלכע סימ־פטאמען, וועט איר מעגליך נישט וויסן זיכער וואס עס איז שלעכט. אייערע סימפטאמען קענען קומען און גיין. אפילו די וואס האבן שוין געהאט א הארץ אטאקע, איז דא א מעגליכקייט זיי זאלן נישט דערקענען די סימ־פטאמען, ווייל די צווייטע אטאקע קענען זיין באגלייט מיט גענצליך אנדערע סימפטאמען ווי די ערשטע.

עס זענען אבער דא סימ־פטאמען וואס מ'קען האבן פון אן אטאקע וועלכע קענען העלפן עס אידענטיפיצירן און עס צייטליך באהאנדלען. זיי שליסן אריין:

אן אומבאקוועמע דרוק, קוועטשערייען, אנגעפולטקייט, אדער ווייטאג אינעם צענטער פון די טשעסט וואס האלט אן מער ווי עטליכע מינוט, אדער גייען אוועק און קומען צוריק; אומבאקוועמליכקייטן אין אנדערע פלעצער אינעם אויבערשטן טייל פונעם קערפער,

ווייטער אויף זייט 7

**דעם פרעזידענט'ס ווינקל...**

**חשוב'ע וויליאמסבורגער איינוואוינער,**

מיר האבן ב"ה הנאה אז מיר, אין די יו.דזשעי.א., זענען ממשיך אונזער אויפגאבע צו אדרעסירן די קריטישע אישוס וועלכע זענען נוגע אונזער ציבור, און בעזר השם זעען מיר הצלחה לטובת דעם ציבור. ספעציפיש, זענען מיר צופרידן צו מעלדן אז מיר מאכן ב"ה פארשריט אין אונזער באמיאונג צו פארזיכערן אז אלע קינדער פון די געגנט וועלכע נויטיגן זיך אין ספעשל עדיוקעישאן סערוויסעס באקומען עס.

ווערנדיג לעצטנס באשטימט דורך'ן מעיאר'ס אפיס צו די ניו יארק סיטי דעפארטמענט אוו עדיוקעישאן נאן־?ובליק סקול סטענדינג קאמיטע, ארבעט איך אינאיינעם מיט די אנדערע קאמיטע מיטגלידער אז אונזערע קינדער זאלן מער אויסנוצן די סערוויסעס. מיר שתדל'ען ביי די דעפארטמענט אוו עדיוקעישאן צו צושטעלן א "3'טע פארטי" צושטעלער פון סערוויסעס ביי אונזער ציבור, צו פארזיכערן אז די ספעציעלע און פאסיגע לערנען סערוויסעס זענען גרייט און עווילעבל פארן ציבור.

אונזער ציל איז צו פארזיכערן אז אלע אונזערע קינדער באקומען יעדע געלעגנהייט צו מצליח זיין אין זייער חינוך. מיר וועלן בעזר השם ממשיך זיין מיט די קריטיש וויכטיגע אוי־פגאבע, ביז די ספעציפישע, אייגנארטיגע געברויכן פון אונזערע קינדער ווערן פולקאם צוגעשטעלט.

הק' משה דוד נידערמאן

U.S. Postage
**PAID**
Non-Profit
Organization


# THE CURRENT

**Christine Lawson**, *Editor*

**Volume 2 / Number 1 ~ Fall 2007**

# ווימיכטיגע אינפארמאציע איבער האוזינג פראגראמען

## פראדזשעקטס, בעדפארד גארדענס און סעקשאן 8

*געהערט פון דעם באגאבטן האוזינג לאיער דעוויד בערגער, ביי יו.דזשעי.א. "דינא דמלכותא" קאנפערענץ*

## - ערשטע טייל -

**וויליאמסבורג** - אינעם ערשטן ארטיקל וואס האט איבערגעגעבן איינצעלהייטן פונעם **"דינא דמלכותא"** קאנפערענץ, איז באריכטעט געווארן אלגעמיינע אינפארמאציע וואס איז וויכטיג צו וויסן ביים געניסן פון רעגירונג סובסידיעס, איבער די וויכטיקייט פון זיין אויפריכטיג און אלעס באריכטן א.ד.ג.

אין דעם צווייטן ארטיקל ווערט באריכטעט דעם צווייטן טייל פון די קאנפערענץ, וואו מ'האט געהערט גאר באלערנדע אינפארמאציע וואס איז נוגע ביים געניסן פון האוזינג סובסידיעס.

די העכסט אינפארמאטיווע איינצעלהייטן זענען איבערגעגעבן געווארן דורך דעם בארימטן האוזינג אדוואקאט **מר. דעוויד בערגער הי"ו**, א ווארימער איד פון די טענענבוים און בערגער אדוואקאטן פירמע. מר. בערגער האט א זעלטן טיפע באהאווענקייט אין דעם פעלד. במשך זיין קאריעריע האט ער אויך געדינט אלס אדוואקאט פאר די האוזיג אויטאריטי, און שפעטער האט ער זיך איינגעהאנדעלט א רייכע רעפוטאציע פון פארטרעטן דעם וויליאמסבורגער ציבור אין זייערע לעגאלע געברויכן בשייכות מיט די פארשידענע האוזינג פראגראמען אין די געגנט.

מר. בערגער האט ב"ה דורכגעפירט זיין ארבעט מיט א שטוינענדע סוקסעס און גענייטשאפט, געווינענדיג די רעכטן פון די היזיגע איינוואוינער אפילו ווען ער האט זיך געדארפט פארמעסטן מיט ריזיגע אגענטורן וועלכע האבן גאנצע אדוואקאטן גרופעס אויף זייער זייט, צו קעמפן פאר זייער שטעלונג. זעלבסט פארשטענדליך אז מיט דעם רעקארד, איז ער דער בעסטער קאנדידאט צו געבן די פארלאנגטע אינפארמאציע און ענטפערן די האוזינג פראגעס מיט וואס וויליאמסבורגער איינוואוינער ספראווען זיך אפט.

### ווי אזוי לייגט מען צו אינעם צו א קעיס? די מעגליכקייט צו טראנספערירן א דירה אדער א סעקשאן 8 וואוטשער?

צווישן די אישוס אין וואס מענטשן שטויסן זיך אפט אן, אבער זענען קנאפ באהאווענט דערין, אין די אומוויסנשאפט ברענגט אסאך שאדנס און קאמפליקאציעס, איז די טעמע פון **"פעמילי קאמפאזישען."** ד.ה. ווער עס הייסט אלס אן איינוואוינער אין אייער דירה, און ווער קען זיך אריינציען און ווערן א טייל פון אייער קעיס.

דאס שפילט א ראלע ביים אנטשיידן ווי גרויס עס קען זיין אייער דירה; צי איר דארפט אריינשליסן יענעם'ס אינקאם אין אייער אפליקעישאן; און ווען איר פארלאזט אייער דירה, צי איר קענט עס טראנספערירן פאר איינעם וואס האט געוואוינט מיט אייך.

מר. בערגער האט ערקלערט אז דער ענטפער איז נישט די זעלבע איבעראל. עס ווענדט זיך פון וועלכע האוזינג פראגראם מ'רעדט. אין וויליאמסבורג זענען הויפטזעכליך דא דריי באנוצטע פראגראמען: **ניו יארק סיטי האוזינג אויטאריטי (נייטש"ע) פראדזשעקטס**; **קלעמענטע און בעדפארד גארדענס**, וועלכע זענען א מיטשעל־לאמא פראגראם, עיטש.פי.די. רעפ סובסידירטע פראיעקט; און **סעקשאן 8**, וואס איז טראץ וואס עס איז אויך אונטער די סיטי'ס האוזינג

ווייטער אויף זייט 6

# א געזונט הארץ

המשך פון זייט 8

וועלכע קענען געשפורט ווערן אין איין אדערביידע ארעמס, דעם רוקן, מויל ביין (דזשאו), אדער בויך; א קורצן אטעם, וועלכע פאסירט אפט אינאיינעם אדער בעפאר די ברוסט אומבאקוועמליכקייטן; און אנדערע סימפטאמען ווי אן אויסברוך פון א קאלטן שווייס, איבלענישן, אדער א לייכטקייט אין קאפ.

ווען איר האט א ספק צי איר ליידט א הארץ אטאקע, רופט זאפארט הצלה.ווארט נישט מער ווי עטליכע מינוט מערסטנס פינף מינוט.



אן ענדזשינא עפיזאד איז נישט קיין הארץ אטאקע. אבער פאר מענטשן מיט ענדזשינא איז שווערע פונאדערצושיידן פון די ענדזשינא סימפטאמען און די פראבלעמען וואס דייטן מעגליך אן אויף א הארץ אטאקע.

ענדזשינא איז אן אוועקגייענדע און צוריקקומענדע ווייטאג אדער אומבאקוועמליכקייט אין די טשעסט וואס פאסירט ווען געוויסע טיילן פון די הארץ באקומען נישט גענוג בלוט אויף א קורצע צייט. מענטשן קענען עס אויפפאסן ווען זיי טוען א שווערע פיזישע אקטיוויטעט (ווי גיין טרעפ). עס ווערט געוועהנליך בארואיגט נאך עטליכע מינוט, דורך זיך אפרוען אדער דורך נעמען די פארשריבענע ענדזשינא מעדיצין. מענטשן וועלכע מ'האט דיאגנאזירט מיט ענדזשינא האבן א העכערע ריזיקע צו ליידן א הארץ אטאקע ווי אנדערע מענטשן.

### געזונטהייט אומשטענדן וועלכע אפעקטירן די הארץ

הויך בלוט דרוק, דייעביטיס און סטראוק טראץ וואס זיי זענען באזונדערע געזונטהייט אומשטענדן זענען אפט פארבינדן איינע מיט די אנדערע און מיט די געזונטהייט פון א מענטש'ס הארץ. אפט זענען די געזונטהייט פראבלעמען די גורמים אדער רעזולטאטן פון הארץ פעלערן.

### הויך בלוט דרוק וואס איז דאס?

בלוט דרוק איז דער קראפט פון די בלוט קעגן די הארץ אדערן ווען די הארץ קלאפט און רועט. דער דרוק ווערט געשאפן דורך צוויי פאקטארן: דעם דרוק פון די בלוט וואס ווערט ארויסגעשטופט פון די הארץ צו די אדערן, און דעם ווידערשטאנד פון די אדערן צו דעם קראפט. הייפערטענשאן איז ווען דער דרוק פון אדערן גרייכט העכער די געווענליכע ציפערן. דאס העכערט די ריזיקע פון ליידן קאראנערי הארץ קרענק, וועלכע קענען פירן צו הארץ אטאקעס און סטראוקס. די ריזיקעס זענען נאך העכער אויב מ'האט אויך דייעביטיס.

א מענטש אליין ווייסט נישט ווען ער ליידט פון הויך בלוט דרוק. די צושטאנד האט נישט קיין סימפטאמען. נאכמער, הויך בלוט דרוק האט גארנישט צו טאן מיט זיין אנגעצויגן, נערוועז אדער ווילד. א מענטש קען זיין רואיג און נאך אלץ האבן הויך בלוט דרוק. דער איינציגסטער וועג אויסצוגעפונען אויב מ'ליידט פון הויך בלוט דרוק, איז צו טעסטן די בלוט פרעשור. א געווענליכע בלוט דרוק דארף צו זיין אונטער 120/80.

בלוט דרוק קען קאנטראלירט ווערן דורך:

- קאנטראלירן וואג;
- האבן א געזונטע דיעטע;
- מער פיזישע אקטיוויטעטן;
- מעדיצין.

### וואס איז דייעביטיספ

דייעביטיס באדייט אז דער קערפער קען נישט געהעריג פראצעסירן צוקער. דאס פאסירט ווייל די סיסטעם פראדוצירט נישט אדער איגנארירט אינסולין, די הארמאן וואס העלפט די צוקער ווערן צוטיילט און איינגעזאפט אין די צעלן. דאס ברענגט אז די צוקער שטאפלען אין די בלוט זאלן ארויפגיין.

רוב מענטשן מיט דייעביטיס האבן געזונטהייט פראבלעמען אדער אומשטענדן וועלכע העכערן זייערע ריזיקעס צו הארץ קרענק און סטראוקס, ווי הויך בלוט דרוק און קאלעסטעראל. ווען איינער האט די אומשטענדן אינאיינעם מיט דייעביטיס איז די ריזיקע פילפאכיג העכער. די מענטשן מוזן נעמען ספעציעלע מאסנאמען צו קאנטראלירן זייער קאלעסטעראל, בלוט דרוק, היטן אויף זייער וואג, א געזונטע דיעטע און נישט רייכערן.

די סיבה פון דייעביטיס איז נאך ביז היינט נישט געהעריג קלאר, אבער עס שיינט אז עס איז א צוזאמענשטעל פון גענעטישע אייגנשאפטן אינאיינעם מיט ארומיגע אומשטענדן, ווי דיקקייט, ווייניג איבונגען. דאקטוירים וועלכע ווילן דערגיין צי א פאציענט האט דייעביטיס אדער בעפאר־דייעביטיס פראבלעמען, וועלן דורכפירן א "פאסטן פלעסמע גלוקאס טעסט" אדער אן **"אראל גלוקאס טאלעראנץ טעסט."**

### וואס איז א סטראוק?

א סטראוק איז אן אטאקע אין מח. עס פאסירט ווען א בלוט שטיקל שטערט א וויכטיגן אדער אין מח וועלכע פירט בלוט פון הארץ צום גאנצן קערפער אדער ווען אן אדער קראכט. אלס רעזולטאט ווערט אפגעשטעלט די בלוט פלוס צו א טייל פונעם מח. בייביידע סארטן סטראוקס הייבן אן אפצושטארבן מח צעלן און עס פאסירן מח שאדנס, ל"ע.

ווען מח צעלן שטארבן במשך א סטראוק, ווערן פארלוירן די מעגליכקייטן וועלכע ווערן קאנטראלירט דורך דעם טייל פונעם מח. די מעגליכקייטן שליסן אריין רעדן, באוועגונג און זכרון. ווי אזוי א סטראוק אפעקטירט א מענטש, איז געוואנדן וואו אין מח די סטראוק פאסירט און וויפיל פונעם מח ווערט געשעדיגט.

טראץ וואס עס זענען פאראן אומקאנטראלירבארע ריזיקע סיבות ביי א סטראוק ־ ווי דער עלטער, אונטערשידן צווישן מאנס־פערזאן און פרויען, ראסע און פאמיליע היסטאריע זענען דא אסאך פאקטארן וועלכע מ'קען יא קאנטראלירן.

פאקטיש וואלט מען מיט דעם ריכטיגן לעבנס־שטייגער געקענט פארמיידן אכציג פראצענט סטראוקס.

די וויכטיגסטע זאך צו קאנטראלירן איז הויך בלוט דרוק. הויך בלוט פרעשור שוואכט שטארק אפ בלוט אדערן און עס העכערט די ריזיקע צו ליידן א סטראוק. הארץ קרענק העכערן אויך די סטראוק ריזיקעס, און מיט מאסנאמען דערקעגן, ווי א געזונטע דיעטע און איבונגען, פארמיידט מען אויך די שאנסן צו ליידן א סטראוק. דאס נישט רייכערן און נישט טרונקען קיין אלקאהאל קען אויך רעדוצירן די סטראוק ריזיקעס.

# האוזינג פראגראם אינפארמאציע

המשך פון זייט 8

אגענטור, זענען די רעגולאציעס אנדערש ווי אין פובליק האוזינג.

פאלגענד זענען די פארשריפטן לגבי פאמיליע מיטגלידער ביי יעדע פון די פראגראמען:

### נייטש"ע פראדזשעקטס:

אין די פראדזשעקטס קען מען ארייננעמען אלס פערמענאנטע איינוואוינער נאר גאר נאנטע קרובים, ווי געשוויסטער, עלטערן, קינדער און אייניקלעך, אלס טייל פון די איינוואוינער אין א דירה. עס קענען וואוינען צוויי מענטשן פער שלאף צימער אין א דירה (אויסער א פיצל קינד).

עס זענען דא צוויי וועגן ווי אזוי מ'קען צולייגן מענטשן צו די קעיס: טעמפארערי (צייטווייליג), און פערמענאנט. דער ערשטער וועג איז גרינגער. דעם צוגעקומענעם'ס פארדינסטן, ווערט נישט פאררעכנט אלס אינקאם פון די משפחה, און עס פארלאנגט זיך נישט אז יענער זאל זיין א קרוב צו דעם צוגעקומענעם איינוואוינער.

ווען מ'וויל ארייננעמען א מינדעריעריגער (א קינדער אונטער אכצן יאר) מיט א פערמענאנט פערמישן צו וואוינען אין די אפארטמענט, ווי אן אייניקל, פעלט אויך אויס מ'זאל האבן "ליגעל קאסטאדי" אויפן קינד. דאס באדייט נישט אז מ'דארף אדאפטירן דעם קינד, אבער מ'דארף באקומען "גארדיענשיפ" אויפן קינד. פאר טעמפארערי פערמישאן דארף מען נישט קיין קאסטאדי.

ווען מ'נעמט אריין א קינד אונטער די 18 יאר מיטן פלאן ער זאל דארט וואוינען אויך נאך די אכצן יאר פערמענאנט, אבער מ'וויל נישט דורכגיין די קאסטאדי פראצעדור, איז כדאי אים ארייננצונעמען טעמפארערי בעפאר די 18 יאר, און ווען ער ווערט 18 זאל מען אים מאכן פערמענאנט.

**"טעמפארערי פערמישאן"** איז גענוג ווי לאנג די אריגינעלע טענעטס בלייבן וואוינען אין די דירה.

ד.ה. אז דאס לעגאלע איינגעבן די צוגעקומענע איינוואוינער אפילו בלויז פאר צייטווייליג קען ארויסהעלפן עלטערע מענטשן, ווען זייערע קינדער האבן חתונה און עס קומט אויס אז זיי האבן שוין מער ווי איין שלאף צימער פער צוויי איינוואוינער. אין אזעלכע פעלער ווערן די באטרעפנדע אפט פארלאנגט זיך אריבערצוציען צו א קלענערע דירה. אויב די אייניקלעך וועלכע האבן זיך שפעטער אריינגעצויגן די זיידע־באבע האבן אפיציעלע צייטווייליגע ערלויבעניש דארט צו וואוינען מיט די אור־עלטערן, וועלן זיי פאררעכנט ווערן אלס איינוואוינער, און די אור־עלטערן וועלן קוואליפיצירן פאר די גרעסערע דירה.

פערמענאנטע ערלויבעניש איז וויכטיג אויב די אייניקלעך ווילן בלייבן וואוינען אין די דירה נאך וואס די זיידע־באבע וועלן זיך ארויסציען פון דארט. צו קענען איבערנעמען די דירה, מוז מען זיין א פערמענאנטער איינוואוינער אין די דירה. כדי צו קענען איבערנעמען א דירה, פעלט אויס מ'זאל שוין דארט וואוינען מיט א פערמענאנטע שטאטוס פאר כאטש '1' יאר. כדי עס זאל באשטעטיגט ווערן, דארף מען האבן באווייזן אז מ'האט דארט געוואוינט במשך די יאר.

ווען מ'פארלאנגט צו צולייגן א פערמענאנטן רעזידענט צו א דירה, זאל מען זיכער מאכן אז מ'האט באקומען א פארעם פאר פערמענאנטע ערלויבעניש, ווייל אפט מאל האבן מענטשן געמיינט אז זיי האבן אפלייעט פאר פערמענאנטע רעזידענט, דערווייל האט זיך ארויסגעשטעלט אז עס איז בלויז געווען טעמפארערי, האט מר. בערגער געזאגט פון ערפארונג.

אויך דארף מען וויסן אז עס איז נישט גענוג ווען מ'שרייבט אריין דעם צוגעקומענעם טענעט אין די "יערליכע אינקאם סערטיפיקאציע." עס מוז דוקא ווערן אויסגעפולט די פארעם דערפאר. אוודאי טאר מען נישט פארגעסן עס אויך אריינצופולן יעדעס יאר אין די "ענויעל" סערטיפיקאציע פאפירן.

ווען די עלטערן ווערן אלט, און א פאר־פאלק פון די קינדער וויל זיך אהין ארייננציען, וואס מאכט זיך אפט כדי זיי צו באדינען, האט מר. טענעבוים געזאגט אז נישט אלץ גייט עס אזוי לייכט.

ווען א טאטע אדער מאמע וואוינען דארט אליין, איז נישט קיין פראבלעם אז א פאר־פאלק פון די קינדער זאל זיך ארייננציען און ווערן א טייל פון די קעיס.

אבער ווען ביידע עלטערן לעבן נאך, לאוי"ט, איז דער מענעדזשער דער וואס דארף באשליסן צי מ'זאל שענקן פאר די צוגעקומענע פאר־פאלק די פארלאנגטע פערמישאן. דער מענעדזשער קען עס אפזאגן, דורך עס באצייכענען אלס צוויי באזונדערע פאמיליעס, און זיי קענען נישט ווערן א טייל פון די עלטערן'ס קעיס. אין עטליכע אזעלכע קעיסעס, האט מר. טענעבוים ב"ה באוויזן צו באקעמפן צוריקווייזונגען פון די מענעדזשערס און ערלעדיגט אז די באטרעפנדע זאלן יא באקומען די פארלאנגטע פערמישאן.

ווען מ'שיקט אריין די אפליקאציע פאר די פערמענאנטע פערמישען, זאל מען גיין מיט א קאפי און פארלאנגען א זיגל אז מ'האט עס איינגעגעבן. געזעצליך, מוזן זיי עס טאן. שפעטער זאל מען זיכער מאכן אז עס איז געווארן ערלעדיגט. עס האט פיל מאל פאסירט אז זיי האבן געלאזט די פאפירן אין די זייט, און עס נישט איינגעגעבן צו די נויטיגע פלעצער.

### טראנספערירן צו א גרעסערע דירה



רעדנדיג פון די פראדזשעקטס, האט מען אויך געהערט א קורצן באריכט איבער די פארשריט וואס די וויליאמסבורגער עסקנים לטובת די פראדזשעקטס האבן דערגרייכט פאר גרויסע פאמיליעס, זיי זאלן האבן א שאנס צו באקומען גרעסערע דירות אינערהאלב די היזיגע פראדזשעקטס. דעם באריכט האט מען געהערט פון דעם דינאמישן שתדלן און עסקן לטובת די היזיגע פראדזשעקטס איינוואוינער, הרה"ח ר' שלמה ליזער הי"ו, וועלכער ארבעט אומערמודליך צוזאמען מיט זיינע שותפים צו פארזיכערן אז דער היימישער ציבור באקומט פראדזשעקט דירות און קען דארט וואוינען אין א רואיגע אטמאספערע.

ביז לעצטנס פלעגט די פראדזשעקטס האבן דריי קאטעגאריעס ביים איבערגעבן ליידיג געווארענע דירות: טיס"ע (פאר מענטשן וועלכע נויטיגן זיך דערין צוליב זיכערהייט סיבות); היימלאזע; און טראנספערס פון די איינוואוינער אין סיי וועלכע נייטש"ע פראדזשעקטס וועלכע ווארטן אויף גרעסערע דירות. דאס האט באדייט אז וויליאמסבורגער איינוואוינער וועלכע האבן געווארט אויף א גרעסערע דירות האבן כמעט נישט געהאט קיין שאנס צו באקומען א היזיגע דירה, נאר אנשטאט זענען זיי געשיקט געווארן צו א ליידיגע געווארענע דירה סיי וואו אין די סיטי.

אדאנק וואס די עסקנים שתדל'ען שוין פאר לאנג יארן, און האבן גענומען א רייע מיטלען אז וויליאמסבורגער פראדזשעקטס איינוואוינער זאלן האבן אויסזיכטן פאר גרעסערע דירות, מיטן וואוקס פון זייערע משפחות, אינערהאלב די לאקאלע פראדזשעקטס, האט די האוזינג אויטאריטי געשאפן א פערטע קאטעגאריע: "אינטרע־פראדזשעטקס." אונטער די פארצוג, גייען א טייל פון די ליידיג געווארענע דירות צו איינוואוינער אין די זעלבע פראדזשעקט וועלכע האבן איינגעגעבן צו טראנספערירן צו א גרעסערע דירה. דער איינשטעל האט זיך אנגעהויבן פון וויליאמסבורג, אבער עס איז איינגעשטעלט געווארן אין אלע פראדזשעקטס דורכאויס די סיטי.

ר' שלמה האט אבער ערווענט אז אנדערש ווי ביים טראנספערירן אין אן אנדערע פראדזשעקט, ווען מען באקומט די אפציע אפצוזאגן דעם ערשטן אויסוואל, האט די אינטרע־פראדזשעקט פריאריטעט נישט די פריווילעגיע. אויב זאגט מען אפ אן אנבאט פאר א טראנספער, פאלט מען אראפ פון די ליסטע און מ'דארף ווידער אמאל אפלייען. פארשטענדליך אז מ'וועט אייך שטעלן די לעצטע אין די רייע. דעריבער זאל מען דאס נעמען אין באטראכט איידער מען אנטזאגט אזא אנבאט.

### בעדפארד גארדענס

א באזונדערע קאטעגאריע איז בעדפארד גארדענס, וואו די פארשריפטן ווערן באשטימט דורך עיטש.פי.די. דארט קען מען צולייגן אויך אייניקלעך, ניעסעס און נעפיוס, אן קיין לעגאלע קאסטאדי, אבער נישט קוזינעס, צו א דירה. אבער כדי צו ווערן פאררעכנט אלס טייל פון די קעיס צו קענען איבערנעמען די דירה, מוז דער באטרעפנדער זיין אויף די אינקאם סערטיפיקאציע במשך '2' יאר, און ער דארף אויך קענען איבערווייזן אז ער האט שוין דארט געוואוינט צוויי יאר.

די הירינג אפיצירן אין עיטש.פי.די. פארלאנגן אסאך באווייזן צו איבערצייגן אז מ'האט געוואוינט אין די דירה פאר צוויי יאר. זיי רעכענען זיך מיט פאסט וואס מ'האט באקומען צו די דירה וועלכע זענען געזיגלט פון די פאסט מיט א דאטום פון צוויי יאר פריער; קאפיס פון פרעסקריפשאנס און סטיקערס אויף מעדיצין פלעשלעך מיט יענע אדרעס דאטירט ביז צוויי יאר פריער איז געווען גאר א שטארקער באוויז; יוטיליטי בילס, טעקס רעטוירנס, און נאך. (בריוו פון שכנים צו באשטעטיגן אז מ'האט דארט געוואוינט קען אויך צו העלפן, אבער דאס אליין איז נישט גענוג.)

אפילו א מינדעריעריגער א קינד אינגער פון אכצן יאר קען איבערנעמען א בעדפארד גארדענס דירה ווען עלטערן ציען זיך ארויס. דאס איז שייך אויב א פרעמדער באקומט גארדיענשיפ אויפן קינד, און ער ציעט זיך אריין אין די דירה זיך אפצוגעבן מיטן קינד. דאס זעלבע גילט אויך אין די פראדזשעקטס, אז מ'קען איבערלאזן א קינד אונטער 18 יאר מיט א גארדיען.

ווען דאס קינד ווערט 21, וואוינענדיג אינאיינעם מיט די גארדיען אין בעדפארד גארדענס, קען דער גארדיען אפלייען ארויפצוגיין אויף די קעיס, און דאן גילטן די זעלבע רעגולאציעס ווי יעדן וואס איז א טייל פון די פאמיליע אז נאך צוויי יאר דארט וואוינען קען מען איבערנעמען די דירה.

די זעלבע פארשריפטן גילט אויך ביים איבערנעמען די "רעפ" סובסידיע אין בעדפארד גארדענס אדער קלעמענטע.

דער אדוואקאט האט אונטערגעשטראכן אז עס מאכט זיך אפט אז קראוס מענעדזשמענט אדער סעקשאן 8 קעיס ווארקערס אנטזאגן א טענענט צוצולייגן איינעם צו די קעיס, ווי ביים ארייננעמען אן אייניקל אלס קאנדישענעל ווען עס איז נויטיג א פערמישאן צו זיין בארעכטיגט פאר מער שלאף צימערן א.ד.ג., אפילו ווען עס שטימט מיט די פארשריפטן. דאס איז אבער נישט דער לעצטער ווארט. נישט אלץ קענען זיי אדער האלטן זיי זיך צו די פארשריפטן. אז מ'איז גרייט, קען מען קעמפן צו באקומען די פארלאנגטע ערלויבעניש.

**קומענדיגע ארטיקל:**
**סעקשאן 8, דינגען פון א קרוב, קארפארעישאן'ס, קינדער, און נאך.**